גוט שבת אלע אידן. ר׳ משה לאנדינסקי איז א רב וואס פארט אסאך מאל קיין קאליפארניע אויף מצוה צוועקן. ר׳ משה איז אסאך מאל איינגעשטאנען דארט ביי א געוויסע ספרדישע משפחה וואס הייסט די "טורגעמאן" משפחה (נישט זייער עכטע נאמען). איין שבת, איז פונקט אויסגעקומען אז ר׳ משה זאל זיין ביי די טורגעמאנס, בשעת זיי האבן פארברענגט צוזאמען א שמחה אין די משפחה. דער דריי און אכציג יעריגער זיידע פון דער משפחה, ר׳ יעקב טורגעמאן איז אויך געקומען צו דער שמחה. אין מיטן דעם סעודה, האט דער זיידע ר׳ יעקב געפרעגט ר׳ משה, "האב איך אמאל דערציילט צו דיר דעם מעשה פון מיין ציין?" "ניין, איך גלייב אז נישט..." האט ר׳ משה געענפערט דעם עלטערן איד. "וואס איז מיט דיין ציין?" האט ר׳ משה אים געפרעגט.

דאן האט ר׳ יעקב געעפענט ברייט זיין מויל צו ווייזן וואו עטליכע ציין פעלן. "נו," האט ר׳ יעקב אנגעהויבן צו דערציילן, "עס איז געווען אדר תש"ד..."

אסאך מענטשן ווייסן נישט אז די דייטשע רשעים ימ"ש זענען אנגעקומען ביז גריכנלאנד. ר׳ יעקב טורגעמאן מיט זיין משפחה זענען געווען פון די אידן וואס זענען ליידער אריינגעכאפט געווארן אין דעם געפערליכען נעץ וואס די דייטשע האבן געשפרייט איבער גריכנלאנד. מען ווייסט אז רוב אידן וואס זענען אומגעקומען עק"ה זענען געווען פון אשכנזישע לענדער. אבער באמת זענען אסאך ספרדישע אידן אויך געראדפט און געהרגט געווארן אין די מלחמה. עס איז מעגליך צו זאגן אז רוב פון די ספרדישע אידן וואס זענען אומגעקומען אין די מלחמה זענען געקומען פון א געגענט און גריכנלאנד וואס הייסט סאלוניקא.

יעקב מיט זיין משפחה זענען געווען צווישן די אידן וואס די חיות האבן ליידער געפירט דעם גאנצען וועג פון סאלוניקא ביז אוישוויטץ. אסאך פון די אידן וואס יעקב האט געטראפן אין לאגער האבן זיך שוין נעבאך מייאש געווען וועגן דורכלעבן דעם שווערן מצב. יעקב האט נאכאלץ געהאפט אבער אז ער וועט מיט דעם אייבערשטענ׳ס העלף געראטעוועט ווערן פון דער סכנה.

די אידן וואס מען האט נישט גליך געשיקט צו די קאמערן, האט מען זיי געגעבן צוויי פשוטע כלים פאר עסן, א לעפעל מיט א טיפע טעלער. די צוויי זאכן זענען געווען גאר וויכטיג צו קענען דורכלעבן דעם לאגער. וויל אן די צוויי כלים, האט מען נישט געקענט עסן די הייסע וואסער וואס מען האט גערופן זיפ, וואס מען האט געגעבן צו עסן פאר די אידן. כדי צו טון די שווערע ארבעט וואס מען האט פארלאנגט פון די אידן אין לאגער, האט מען געמוזט עסן. וועגן דעם האט יעקב באקומען דעם לעפעל און טעלער און ער האט זיי זייער שטארק געהיטן.

עס איז געווען פאר פסח, און יעקב האט געטראכט פון וואו וועלן זיי באקומען מצות אין פסח? יעקב מיט זיין חברים האט מען געשטעלט ארבייטן אויף א באן. עס איז געווען מורא׳דיג שווער ארבעט, אויפהייבן שווערע העלצער מיט אייזען, וכו׳. אבער איין גוטע זאך איז יא געווען, דורך ארבייטן אויפן באן וואס איז געווען אין דרויסן פונעם לאגער, האבן די אידן געקענט מאכן קאנטאקט מיט די גויאישע איינוואוינער פון שטעטל. דורך דעם האבן די אידן געקענט פארשאפן זאכן וואס אין די לאגער זענען געווען אונמעגליך צו באקומען.

איין טאג האבן יעקב מיט זיינע חברים געטראפן א פוילישע גוי וואס איז גרייט געווען צו פארשאפן צוויי מצות פאר זיי. יעקב איז געווארן איבערגענומען מיט שמחה ווען ער האט געטראכט אז ער וועט אפשר קענען מקיים זיין די מצוה פון מצות אין דעם פארשאלטענע לאגער. עס איז אבער געבליבן איין פראבלעם, פון וואו וועט מען פארשאפן דעם געלט פאר די מצות? וויל דער גוי האט געבעטן א טייערן פרייז.

יעקב איז געבליבן שטיל א לאנגע צייט בשעת די גרופע אידן האבן געשמועסט וועגן די מצות. יעקב האט זיך נישט געקענט בארוהיגן ביז ער האט געטראכט וועגן א וועג צו קויפן די מצות. זיי זענען אזוי נאנט געווען צו פארשאפן מצות אין אזא שווערן מצב, עס האט זיכער געדארפט זיין א וועג! האט יעקב געטראכט.

דאן פלוצלינג איז עס געקומען צו אים. "איך האב עס!" האט יעקב געשריגן. די גרופע האט אנגעקוקט מיט גרויס נייגעריגקייט צו זען וואס פאר א פלאן האט יעקב געהאט צו קענען קויפן די מצות. יעקב האט ארויסגענומען זיין לעפעל פון זיין טאש און ער האט עס אויפגעהויבן פאר אלע צו זען.

"א לעפעל... דער פוילישער וועט נישט טוישן מצה פאר א קליינע לעפעלי!" האט מען אים געזאגט. "ניין, ניין... קוק אן..." האט יעקב געזאגט.

דער עולם האט אים אנגעקוקט וואו יעקב האט געלייגט זיין חשובן לעפעל אויפן באן ליניע (די אייזענע חלק אויף וואס דער באן פארט.) נישט לאנג דערנאך איז טאקע געקומען א באן. דער שווערע באן האט געמאכט דעם לעפעל פאר א לאנגע שארפע דינע כלי.

"און יעצט," האט יעקב געזאגט פארן עולם האלטן דעם כלי אין זיין האנט, "גיין מיר נוצן דעם כלי צו ארויסנעמען אונזער גאלדענע ציין!"

שטאטליך, און מיט גרויס ווי טאג, האט יעקב ארויסגענומען אלע פון זיינע גאלדענע ציין. דאן האבן אלע זיינע חברים געטון דעם זעלבן זאך. זיי האבן געגעבן דעם פוילישען גוי דעם גאלד און ער האט זיי געגעבן צוויי רינדיקע מצות. (פון וואו דער גוי האט געהאט די מצות ווייסט מען גראדע נישט.)

"מיר האבן נישט געהאט גענוג מצה כדי יעדער איינער זאל האבן דעם שיעור," האט ר׳ יעקב אויסגעפירט זיין מעשה, "אבער, מיר האבן געהאט כאטש דעם טעם פון חירות!"

ר׳ משה איז געזיצן מיט אן אפענע מויל, איבערגענומען מיט וואונדער וועגן דעם מסירות נפש פון ר׳ יעקב און זיין חברים.

יעצט אז מיר גיין אריין אין דעם הייליגן יום טוב פון פסח, לאמיר אלע באדאנקען דעם באשעפער אז מיר האבן אלע גשמיות וואס מען דארף האבן צו קענען מקיים זיין די מצוה פון מצות אין פסח. מען דארף נאר סייעתא דשמיא צו קענען מכוון זיין ווי עס דארף צו זיין ביים עסן דעם הייליגן מאכל פון מצות. גוט שבת אלע אידן.

נתרם לרפו"ש של מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה, לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה, לע"נ בלומא יוכבד בת אברהם צבי ע"ה

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**

**גוט שבת אלע אידן.** עס איז דא א איד וואס הייסט חיים גרינשטיין (נישט זיין עכטע נאמען) וואס איז עוסק אסאך אין מקרב זיין אידן. חיים האט געהאלטן אז "נישט קיין ווארט איז פארפאלן" ד"ה, יעדע גוט ווארט וואס מען זאגט צו א איד כדי אים צו מקרב זיין טוט אויף, אפילו מען זעט עס נישט ביים אנהייב. דער פאלגענדע מורא'דיגע מעשה ווייזט וואס חיים האט אויפגעטון מיט א פאר מצות.

איין טאג האט חיים געהאלטן אין מיטן אריינקוקן אין א אידישע צייטונג וואס איז געדריקט אויף ענגליש. עפעס האט געכאפט זיין אויג, עס איז געווען אן ארטיקל דארט וואו מען האט געקענט אריינשיקן שאלות אין הלכה, און דעמאלט האט יעדער איינער געקענט אריינשיקן תשובות צו די שאלות וואס מען האט געפרעגט. חיים האט געזען אין יענע ארטיקל א תשובה פון איינעם. די תשובה איז געווען גאנץ גוט חוץ איין קליינע טעות וואס איז געשטאנען דארט. חיים האט מורא געהאט אז דער עולם וועט אפשר נכשל ווערן בדבר הלכה צוליב דער טעות. וועגן דעם, האט חיים אויסגעזוכט דעם שרייבער פון דער תשובה כדי אים צו פאררעכטען.

דער וואס האט אריינגעשיקט די תשובה האט געהייסן "דזשערי קארנבלאט", פון דעם סטייעט "אקלעהומא." חיים האט געשיקט א בריוו צום מענטש וועגן זיין תשובה. צו חיים'ס ערשטוינונג איז דער איד "דזשערי" געווארן שטארק באליידיגט. "איך האב באקומען סמיכה פון דעם בעסטער 'רעפארמע' (משכילאישע) מוסד! און ווער ביסטו? א פשוטער מענטש... דו ביסט נישט קיין ראביי!" האט דזשערי צוריקגעשיקט צו חיים. די ערשטע בריוו האט אנגעהויבן א לאנגע שייכות צווישן די צוויי. חיים האט אסאך געארבעט דורך די יארן צו מקרב זיין דזשערי צו דער אמת, אבר דזשערי האט leider געהאלטן פעסט מיט זיין דעות כוזבות.

פסח איז געקומען יענע יאר און חיים האט געשיקט פאר דזשערי האנט שמורה מצות. דזשערי האט אבער נישט אזוי שטארק מכיר טוב געווען פאר חיים, ווייל דזשערי האט פשוט קעגנגעשטעלט חיים אויף יעדע זאך אין אידישקייט. דזשערי האט געהאלטן אז עס איז גענוג צו קויפן "נארמאלע" "מאשין" מצות ביים גרוסערי, פארוואס דארף מען קויפן האנט געמאכט שמורה מצות?

אבער חיים האט אים נישט אפגעלאזט. די נעקסטע יאר האט ער געשיקט נאכאמאל מצות פאר דזשערי. דזשערי האט עס נאכאמאל נישט אנגענומען מיט קיין הכרת הטוב. באלד נאך פסח, האט חיים אבער געזען א עפענונג. דזשערי האט דערציילט צו חיים אין א בריוו אז ער האט פראבלעמען מיט זיין זון, ווייל זיין זון ווערט א בעל תשובה און ער וויל גיין לערנען אין א ישיבה אין ארץ ישראל. כאטש אפילו דזשערי האט געהייסן א ראביי, האט עס אים געשטערט אז זיין זון זאל ווערן אן ארטאדאקישער איד. חיים האט פרובירט אים צו בארוהיגן דורך מסביר זיין דעם שיינקייט פון תורה, אבער דזשערי האט גאר נישט געוואלט הערן.

נעקסטע יאר האט חיים נאכאמאל געשיקט מצות צו דעם איד. דורך אלעס האט דזשערי געהאלטן פעסט קעגן עכטע אידישקייט. אבער דזשערי און חיים האבן נאכאלץ געשיקט בריוון צווישן זיך.

בערך א יאר שפעטער, איז חיים געפארן אויף א באזוך קיין ארץ ישראל. ער האט געוואלט טרעפן דזשערי'ס זון, דער בעל תשובה וואס האט שוין ב"ה חתונה געהאט און וואס האט געוואוינט אין א"י. דזשערי האט געגעבן חיים דעם נאמבער, און דורך דעם האט חיים געמאכט א קשר מיט דזשערי'ס זון אין א"י.

דער זון האט געהייסן בערל. בערל האט געעפענט די טיר פון זיין דירה און אריינגעלאזט חיים מיט א ווארעמע ברוך הבא. "דו ווייסט אז דו ביסט געווען דער וואס האט געמאכט מיך א בעל תשובה?" האט בערל געזאגט פאר חיים.

"מיך?" האט חיים געזאגט מיט אן איבערראשונג. "וואס האב איך צו טון מיט דעם. איך האב דיך אפילו קיינמאל נישט געקענט בעפאר יעצט."

"נו," האט בערל אנגעהויבן צו דערציילן זיין מעשה. עטליכע יארן צוריק ווען בערל האט אנגעהויבן זיך צו אינטערעסירן אין אידישקייט, איז ער געגאנגען לערנען אין א ישיבה אויף א שטיק צייט. נאכדעם, ווען בין הזמנים פאר פסח איז געקומען, האט בערל זיך מיישב געווען אז ער מוז מכבד זיין זיין עלטערן מיט אהיימפארן אויף פסח. ליידער איז בערל דעמאלט נישט 100% זיכער געווען אז ער וויל ווייטער לערנען אין ישיבה אדער נישט. זיין רבי אין ישיבה האט זייער נישט געוואלט אז בערל זאל אהיימפארן צוליב דעם וואס בערל'ס עלטערן זענען נישט געווען פרום. אבער, צום סוף האבן זיינע רביס אים געלאזט אהיימפארן, ווייל זיי האבן נישט געקענט אים צוריקהאלטן. איינער פון זיינע רביס האט אים געגעבן א באקס שמורה מצות מיט צו נעמען, כדי ער זאל כאטש האבן ריכטיגע מצות ביים סדר. בערל האט אבער נישט געוואלט נעמען די מצות. "אויב השם וויל אז איך זאל האבן מצות רבי, וועט השם מיך שיקן מצות." בערל'ס רבי האט אים אנגעוואונטשן מיט א ווארעמע "א כשר און פרייליכן יום טוב" האפענדיג אז דאס ווארעמקייט וועט אים צוריקברענגען צו דער ישיבה נאך די בין הזמנים.

ווען בערל איז ארויפגעגאנגען אויפן עראפלאן האט ער חרטה געהאט אז ער האט טאקע נישט גענומען די מצות. וואו וועט ער פארשאפן שמורה מצות אין אקלעהומא?!" עס איז געווען ערב פסח ווען ער איז אנגעקומען צו זיין עלטערנ'ס הויז. און וואס האט ער געטראפן אויפן טיש ווען ער איז אריינגעקומען? שמורה מצות! די זעלבע שמורה מצות וואס חיים האט געשיקט דעמאלט.

"דעמאלט האב איך אפגעמאכט אז איך גיי יא צוריק גיין צו דער ישיבה און גיי ווייטער זיין א פרומער איד! כאטש אז מיין טאטע האט נישט געוויזן קיין הכרת הטוב פאר די מצות, בין איך דיר גראדע זייער שטארק מכיר טוב!"

חיים האט ארומגעקוקט די דירה צו זען א ספרים שראנק פיל מיט ספרים, א לייכטער מיט בעכערס וכו', און בילדער פון צדיקים אויפן וואנד. "נישט קיין ווארט איז פארפאלן!"

עס שטייט אין די הייליגע תורה אין די קריאה פון דעם זיבעטן טאג פון פסח: "נחית בחסדך עם זו וכו'" מיט אייער חסד האט איר אונז געפירט. (שמות טו,יג) דער פסוק רעדט דא פון דעם אייבערשטענ'ס השגחה איבער די אידן. אז לאמיר אביסל רעדן פון דער ענין פון השגחה פרטית.

מיר זענען דער אייבערשטער'ס פאלק אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: "...והייתם לי סגלה מכל העמים וכו'" (שמות יט,ה) אזוי ווי א מענטש טוט כסדר אנרירן זיין טיירע טאש זייגער צו זיין זיכער אז ער האט עס נישט פארלוירן, אזוי טוט דער אייבערשטער כסדר משגיח זיין אויף דעם אידישען פאלק. די אידן זענען א חשובה זאך "בעיני ה'", ווייל ה' יתברך האט אונז ממנה געווען צו מקיים זיין זיין הייליגע תורה, און דערפאר טוט דער אייבערשטער כסדר משגיח זיין אויף אונז.

ווי מער מען גלייבט אז אלעס איז השגחה פרטית קען מען זיין בשמחה, ווייל אויב אזוי, האט מען נישט קיין דאגות. **גוט יום טוב אלע אידן.**

**נתרם לרפו"ש של מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י**
**לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה, לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה, לע"נ בלומא יוכבד בת אברהם צבי ע"ה**
**לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**